## ערשטנס, צווייטנס

*

די פֿאַרליבטע דעמערונג איז אומגעפֿאַלן. אויפֿן באַרג שטייט די נאַכט,
איןביידע הענט — דעם שטורעם.
די שטילקייט פֿון די טײַכן האָט פֿאַר חרפּה זיך דערטרונקען,
דער טונקל האָט אַרויסגעריסן זייער פֿרישע רויטע צונג.
שרײַען שטומע ווײַטקייטן ווי ווײַט ס׳איז נאַכט געוואָרן
און די געליבטע הילף פֿאַרלאָשן.
דאָס האַרץ וועט אַרויספֿאַלן, פֿאַרמאַך די פֿענצטער.

---

דער ריח פֿון פֿאַרנאַכט וואַנדערט זיס אים דורכן גומען,
מיט גאָלד־שיריים אין די אויגן האַלט דער פֿישער נאָך זײַן נעץ
און שלעפּט אַרויס... זײַן צעוואַקסענע, שוואַרצע, דאָרשטיקע געשטאַלט.
מיר שפּיגלען זיך אין שטורעם.
וואָלקנס שרײַען טיף, זיבנהימליש טיף,
פֿאַלן מיר אַרײַן מיט דער נאַכט איבערן קאָפּ,
און לאָזן אַראָפּ פֿון די אָרעמס די פּורפּורדיקע קינדהייט...
ווי קאַלט ווינטן שטעכן די צאַרטע הויט פֿון פֿירמאַמענט.
דאָס האַרץ וועט אַנטלויפֿן, פֿאַרמאַך די פֿענצטער.

אין געקילטע טיכער וויקלען שאָטנס ווי אַ קינד די איינזאַמקייט.
פֿירן זי צום ווייכן גרענעץ צווישן פֿעלד און דעמערונג,
וווּ ביימער לעבן אײַנגעבויגן
אונטער דער לאַסט פֿון צופֿיל שווײַגן...
מאַכן מיר די אויגן צו — וויג, וויג, אָוונט-ווינט !
פֿאַרקלעמען מיר די וויִעס פֿעסט: פֿינטלעך... ליכטלעך... טאַנצן... שוועבן...
אין קאָלירן לויפֿט שפּאַצירן דער שלאָף פֿון אונדזער לעבן — —
טאָ ווער זשע קלאַפּט אין ווײַטסטן טויער ?
און אַז מיר עפֿענען זיך אויף :
די באַנג־בלאָ־געאָרעמטע ערד און הימל
האָט אַ בליץ די העלדזער דורכגעמעסערט.
ווי בלוטיקע אָדערן ציִען זיך שטראָמען, פֿאַרנאַרן טיף אין נאַסע גריבער
דעם מענטש צוזאַמען מיט זײַן בענקשאַפֿט.
אונדזערע רויטע אויגן שווימען העט, וווּ דער טונקלסטער עק
דונערט שוין דעם געזאַנג פֿון דער נאַכט
און די ערשטע שטערן לאַכן
שלעכט

מיט אַרײַנגעזעצטע זילבערנע אויגן.
דעכער האָבן נישט ווו זיך באַהאַלטן
און רײַסן פֿון זיך שטיקער,
וואַרפֿן קרבנות דעם שטורעם...
און דאָס האַרץ? — פֿאַרמאַך די פֿענצטער!

*

ווי קאָן מען אַליין זײַן?
דער שטורעם איז דאָ, און דער מענטש איז אין שטורעם,
און דער מענטש איז זיך ווײַט ווי וואָלקן — פֿון הימל...

איז עמעץ נאָך אונטן?
די ערד כאַפּן שטורעמס צו זיך אויף די אַקסלען און דער מענטש איז זיך ווײַט,
אַן אויפֿגעהויבענער פֿליגל... ווי קאָן מען אַליין זײַן?

ווי קאָן מען אַ שטיין זײַן, דער שטיין איז קיין שטיין נישט, דער שטיין איז אַ הייסער
און קאָכט זיסע ברוקן פֿון בלוט.

ווער ווינט הײַנט אַליין?
אין אַנגסט-שווייס לויפֿן איינזאַמקייטן איבער שווינדל-טרעפּ פֿון ווינט,
בריִען אָפּגעווײינטע הענט אין צעפֿלאַמטן האָריזאָנט — :
אפֿשר הענגט דאָרט זייער שולד...

ווי קאָן מען אַליין זײַן און ריין זײַן און טיף זײַן, צום זאַמדיקן ראַנד שרײַט דער קרישטאָל
פֿון אַ טײַך, ווו אַ מענטש שטייט און וויינט
אויס קינאה צו די פֿיש...

דער שטראָם פֿון די הערצער איז אַריבער די ברעגעס.
שטייען: באַגינען און מיטאָג און אָוונט ביזן בויך אין געוויסער.
שיפֿט זיך די רויִקייט אַהין און דאָס שיפֿל וואַרפֿט זיך...

ווי קאָן מען אַליין זײַן?
אין טרוים טרוימט דער שטורעם, ווי אַן אײַזערנע צונג
אין אַ זילבערנעם גלאָק...

דעמערונגען וועקן אויף דעם זײַד פֿון זייער דרימל,
רײַסן זיך פֿון בלאָען בעט מיט אַ יללה: כמאַרעס גייען
און מיר גייען אונטער!

ווער איז איצט אַליין ?
אויף די מידע מאַטע שויבן פֿאַלט די נאַכט ווי אַ קללה.
(נאָך קיינמאָל האָט זי נישט געוויזן אַזאַ גרויסן ווילדן קאָפּ)
שוידערן די פֿענצטער. די שמאָלע שוואַכע ווײַסע ראַמען גייען אויס.
די ווענט בייגן זיך אין טונקל, באַהאָנגענע מיט שווערע שאָטנס,
ווי בילדער
פֿון געשטאָרבענע געליבטע. ווער וואוינט הײַנט אַליין ?

*

---

כאַליאַסטרע, ערשטער אַלמאַנאַך, וואַרשע, 1922.